# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון לד - משפטים שקלים תש"פ •


## די פינטל פון שובבים

### מיר ענדיגן שובבי"ם

בסייעתא דשמיא, מיר האלטן פרשת משפטים. אין סוף פרשת משפטים, ווען מיר ענדיגן שובבי"ם, איז דא צוויי פסוקים וואס ס'גלייכט אויס דעם מוח מיט די מחשבה פון דעם איד - נישט צו טראכטן קרום, און נישט צו לעבן קרום.

### לא תעשה כמעשיהם

אין קאפיטל כ"ג, פסוק כ"ד, כ"ה, שטייט אפאר ווערטער: "לא תשתחווה לאלוהיהם לא תעבדם ולא תעשה כמעשיהם". נישט מאכן אזוי ווי די גויים, וואס מ'קומט דארטן אין ארץ כנען. "ועבדתם את ה' אלוקיכם", מ'זאל דינען דעם אויבערשט'ן. "וברך את לחמך ואת מימך והסירותי מחלה מקרבך" - דער פשט, זאל'סט נישט מאכן ווי די גויים, זאל'סט דינען דעם אויבערשט'ן. וועסטו האבן א שפע אין דיין ברויט, אין דיין געזונט, אין די אלע זאכן וואס דו ווינטשסט זיך. בקיצור: זאלסט האבן 'אלעס גוט'ס' ווי מ'רופט דאס....

היות, ס'איז ידוע דער רמב"ם, אז א מענטש ווערט שטארק מושפע פון דעם גוי, דער גוי שיינט אריין, צו ער טינקלט אריין אין דעם אידן, מיט זאכן פון אינדרויסן. מוז מען זיך חזר'ן אלעמאל דעם ענין, און נאכאנאנד איינבאקן אין די מחשבה, אז די תורה, איז נישט געבויט אז יעדער איינער קען טועהן וואס ער וויל. נאר ס'איז געבויט אויף חוקים און קיין פשרות! דאס איז נישט קיין פארווע זאך... דו ווילסט טוסטו יא, דו ווילסט טוסטו נישט... נאר דאס איז זייער א שטארק און קלאר. און ממש פונקט פארקערט פון די דעמאקראטישע וועלט - וואס דער גוי געבט אריין נאכאנאנד - טוה וואס דו ווילסט... זאג נישט יענעם וואס צו טועהן... מיש זיך נישט אין יענעמ'ס זאכן... יעדער איינער זאל טועהן וואס ס'שמעקט עהם...

### כופים אותו עד שיאמר רוצה אני

מיר טרעפן אסאך מצוות אין די תורה, וואס ס'איז געבויט אויף פארקערט ווי אונזערע מושגים פון היינט וואס איז זייער א שווערע און א שטארקע זאך., למשל: מצוות תוכחה - מוכיח זיין יענעם. (מ'דארף טאקע וויסן ווי אזוי) אבער מדאורייתא איז מען מחוייב, ווען מ'זעהט איינעם טוט נישט גוט. איז דא א מהלך פון די תורה וואס איז אן קיין פשרות - פון יענעם מוכיח זיין.

אדער די מושג: א הלכה מפורשת, "כופים אותו עד שיאמר רוצה אני" - א מענטש דארף טועהן א מצווה, איז א מצווה איהו צו צווינגען און צו עהם מאכן מיט כוח- ער זאל מקיים זיין די מצווה. בית דין איז מחוייב, (צו די שליח בי"ד), עהם כופה זיין ער זאל מוזן ברענגען דעם קרבן, און זיי מוזן טועהן כל מיני זאכן, ביז ווען ער וועט דאס טועהן!

### שכינתא בגלותא

אפגערעדט, ס'איז דא אזא זאך, חייבי מיתה - אונז זענען דאס היינט נישט מקיים, מ'קען דאס נישט מקיים זיין היינט, אין גלות, אונז האבן נישט די סנהדרין. אבער, ס'איז דא: 'חייבי מיתה', פאר מחללי שבת, ס'איז דא: 'חייבי מלקות', נאך מער - ס'איז דא אזעלכע וואס "מכין אותו עד שתצא נפשו"!, ס'איז דא: 'חייבי קנסות. אדער בכלל דער מושג, א איד איז מחלל שבת בפרהסיא - "יינו יין נסך, פיתו פת עכו"ם", ס'איז דא אסאך הלכות, וואס ער האט פונקט דינים פון א גוי! א וודאי, ס'איז דא א דין פון תשובה. א יעדער איד קען טון תשובה, און מ'דארף טאקע זעהן אז א איד זאל תשובה טועהן, אבער דאס נעמט נישט אראפ דעם זאך, פון דעם כלל פון "לרעך" - גייט ער ארויס, ס'איז נישט דא קיין מצווה "ואהבת לרעך כמוך". א אידיש קינד, א וודאי, ס'איז א גרויס רחמנות, "שכינתא בגלותא".

### אן קיינע פשרות

עד כדי כך, ווי ווייט דאס גייט אז על פי תורה איז נישט דא קיינע פשרות - ס'איז ידוע דער מעשה, אז די משכילים זענען געקומען אמאל צו ר' יהושע'לע בעלזער, ער האט געליטן זעהר שטארק אין זיין שטאט פון די משכילים, (די אויפגעקלערטע דארט) - זענען זיי געקומען צו עהם, און געזאגט: 'הער זיך איין, ס'איז ידוע אז די תורה איז "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום" - און וואס איז מיט 'אהבת ישראל'?' זיי האבן ארויסגענומען דעם גאנצע אוצר פון די אלע זאכן, וואס מ'הערט פון די סארט מענטשן.... 'לאמיר לעבן צוזאמען, מ'וועט מאכן א שטיקל פשרה... אונז וועלן זיך בייגן צו דיר, און דו וועסט זיך בייגן אביסל צו אונז... כלל ישראל זאל לעבן צוזאמען, פארוואס דארף מען זיין צוקריגט..." האט ער געזאגט: 'געט'ס מיר א ביסל צייט, איך וועל דאס איבערקוקן... איך וועל איבערקוקן דעם גאנצע 'שולחן ערוך', איך וועל זעהן מיט וואס מ'קען זיך פארגלייכן... אוו קען מען מאכן די פשרות...'.

### נישט צוויי שפענדלאך, נאר איין שפענדל

נאך אפאר טעג זענען זיי געקומען צו עהם. און ער האט געזאגט: 'יא, איך האב איבערגעקוקט די אלע ד' חלקי שולחן ערוך, איך וועל זאגן דעם אמת! איך האב נישט געטראפן א זאך, וואס מ'קען מאכן א פשרה מיט'ן אויבערשט'ן, וואס ס'שטייט מוז מען מקיים זיין. אבער, איך האב דאך אייך געזאגט אז מ'גייט אויף א פשרה, אין שולחן ערוך איז דא איין פלאץ וואס ס'איז דא א מושג פון א פשרה: אין חושן משפט, ביי ממונות ווען מ'קריגט זיך אויף געלט, איז דא אזא זאך א פשרה., צוויי מענטשן וואס קריגן זיך, איז דא אזא זאך אז דער דיין מאכט א פשרה אין די געלט - אבער אונז האבן דאך נישט קיין

שום ויכוח אויף די געלט... איז למעשה אין אידישקייט איז דא אין פשרה וואס קען זיין אז איך קען מאכן - מיין טאטע ז"ל האט מיר אויסגעלערנט, אז ווען מ'שערט נעגל, און מ'פאברענט דאס - איז היות, פארברענען א זאך וואס קומט פון די מענטש אליין, שטייט, אז ס'קען משפיע זיין אויף די מענטש לרעה. איז דא א עצה, מ'לייגט אריין א האלץ אין דעם, איז אזוי ווי מען פאברענט דעם האלץ, און דרך אגב ווערט פאברענט די נעגל. - מיין טאטע ז"ל, פלעגט אריינלייגן נישט איין שפענדל, נאר צוויי שפענדל'ך. אויף דעם אפשר וועט מען לייגן אשטאט'ס צוויי העלצ'לך, וועט מען לייגן איין העלצל - אויף דעם קען מען טראכטן וועגן א פשרה... און למעשה', האט ער געזאגט: 'ניין, ניין, איך גיי אויכעט אראפ פון דעם. פארוואס קען איך זיך אויף דעם אויכעט נישט מתפשר זיין? ווייל טאמער מיין טאטע האט זיך געפירט אזוי, וועל איך נישט משנה זיין פון מיין טאטע'ן...' זיי האבן געזעהן וועגן וואס רעדט ער, און זיי האבן קלאר ארויסגעהאט די נקודה - אז די תורה איז נישט געבויט אויף פשרות!

### *זיך נישט לאזן פירן פון דעם גוי*

נאך מער, מ'וועט אריינגיין אין אונזערע לעבן, איז דא א דין "בחוקותיהם לא תלכו". 'חוקות עכו"ם' - איז זאכן, ווי להדמות לגוי, נישט ווערן צוגעגלייכט, זאל נישט אריינגיין און אונז דער לבוש פון דעם גוי, דער זיך ארויסשטעלן ווי דער גוי שטעלט זיך ארויס. אמאל איז דאס אין די געלט, אין דעם 'סטייל', און אין די נגונים פון די גויים.

און דאס איז זייער א ברייטע זאך, וואס ווען נישט מ'צונעמט דאס יעדער איינער 'על אופנו' ביי עהם אין שטוב, ביי זיין סביבה, און ער שטעלט נישט אפ דעם מוח. וועט ער נישט כאפן ווי דער גוי קריכט אריין צוביסלאך ביי עהם אין שטוב, און ער זעצט זיך אריין אין זיין 'דיינינג ראם' און ער זאגט עם וואס צו טועהן.

אפגערעדט אז נאכלויפן דעם עולם הזה, מיט די הנאות וואס ס'איז דא דארטן, די צורה פון דעם עסן, און אפילו די צורה פון דעם רעדן. יעדער איינער האט וואס צו מאכן א גוטע בדיקת חמץ - ביי זיך וואס טוט זיך מיט דעם גוי, צו ער איז נישט אנגעקומען צו עהם אין שטוב...

און אפילו אין ביזנעס, וואס אויף דעם וועט זיין בעז"ה נאך א שיעור אין משפטים. זאג איך דא א יסוד - אז א איד וואס ער גלייבט, און ער איז מאמין און בוטח אין אויבערשט'ן - מאכט נישט די גוי'שע שטיקלאך. דארף גוט אכטונג געבן דער גוי זאל נישט 'פירן' זיינע ביזנעס.

און יעדע זאך וואס מ'פירט זיך זאל מען קוקן, ווי איז דער מקור? צו ס'קומט נישט פון א 'מודא פון פאריז', פון עפעס א גוי'שע קאפ...

### *השי"ת איז דא באלעבאס*

צי דאס אביסל קלארער מאכן, וועל איך דערציילן נאך א מעשה: ס'איז געווען אמאל א דרשן, א שיינער דרשן, ער איז געשטאנען און גערעדט פאר אזעלעכע אויפגעקלערטע אידן, וואס זיי פראבירן זיך צוגלייכן צו די גאס, צוגלייכן צו די וועלט... און זיי האבן געפרעגט פאר די דרשן: 'אונז פארשטיין נישט, די חוקי התורה זענען נישט צו שטארק?! ס'באצווינגט די מענטשן... מ'האלט אין איין באצווינגען, טועה אזוי, טועה אזוי... ס'איז נישט א ביסל צו שטארק באצווינגען?! איבערגעטריבן?! דאס איז כופה אויף די מענטשן וואס צו טועהן?! אזוי ווי טאקע דער לשון "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני".

האט ער זיי געפרעגט: 'איך וויל אייך פרעגן, למשל, אז איך וועל אריינגיין צו דיר אין שטוב, און איך וועל אנהייבן רוקן די שאפעס, די שאפע ליגט דא, די בעט דא, די טיש דארטן, ווייל ס'שמעקט מיר. איך בייט איבער די קאליר פון די פאראהאנג, איך וויל 'פעינטן' אן אנדערע קאליר, איך וועל אנהייבן מאכן דארטן סדר... מחליט זיין החלטות... - וואס וועסטו מיר זאגן? 'ר' איד, הייב זיך אויף, און גיי ארויס פון דא!'. פארוואס? 'ווייל דא בין איך דער בעל הבית, זאג מיר נישט וואס צו טועהן ביי מיר אין שטוב'. 'אויב אזוי, וויל איך אייך פרעגן: איר ווייסט אז די וועלט האט א בעל הבית?! און דער בעל הבית זאגט: ווייל איך בין דא דער בעל הבית, זאג איך דיר וואס צו טועהן. וואס ס'שמעקט מיר - דאס זאל זיין דא!'.

### *אין מיין שטוב,*
### *זאלסט טועהן וואס ס'שמעקט מיר!*

דאס איז דער תורה, כביכול הקב"ה זאגט פאר די איד: היות איך בין "מקומו של עולם", די וועלט איז מיינע. און איך בין מחליט ווי זאל שטיין יעדע זאך, און וואס זאל זיין. דאס איז נישט דער טייטש אז מ'בייצווינגט דעם איד - טועה אזוי, טועה אזוי. נאר - מ'בייצווינגט פאר דער מענטש וואס גייט אריין ביי די אויבערשטער'ס שטוב - 'ר' איד, דו ביסט אין מיין שטוב, זאלסט טועהן וואס ס'שמעקט מיר! וואס ס'געפעלט מיר!'.

למעשה, וואס ס'קומט ארויס פון דעם גאנצ'ן שיעור, איז אז דער סיכום פון גאנץ שובבי"ם, סוף משפטים, ליגט אין די פאר ווערטער פון פסוק "לא תעשה כמעשיהם..." ממילא "וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך". ווי מער דו וועסט ארויס נעמען דעם 'גוי' פון דיר, וועסטו באקומען דעם שפע אויף א גוטע אופן, און אויף א פיינע אופן.

און דאס איז א עקסטערע עבודה פון באמת אין מיין שטוב, זאלסט טועהן וואס ס'שמעקט מיר!, מפעם אל פעם, מתקופה לתקופה, זיך אפשטעלן און קוקן: וויפיל 'גוי' איז אריין אין מיר, און דאס **ארויס נעמען**. און אנקעגן דעם וועט מען באקומען א שפע אין קדושה, און אין פרנסה, געזונט, פרנסה, נחת מיט אלע גוטע זאכן.

# ממליך זיין דעם אויבערשט'ן אויף די געלט

### *די פרשה פון חושן משפט*

בסייעתא דשמיא, מיר שטיין אין פרשת משפטים. מ'וועט זאגן נאך א שיעור, א יסודי'שע שיעור, וואס מ'לערנט ארויס פון די פרשה. אין די פרשה טוט זיך גאר אסאך ארום די דיני ממונות פון דעם איד. מיר צונעמען דעם גאנצען ספר 'חושן משפט' - איינע פון די ד' חלקי שולחן ערוך. וואס אין דעם חלק לערנט מען אויס פאר א איד, ווי אזוי, ממליך זיין דעם אויבערשט'ן אויף די געלט, אריינשיינען די אמונה אין די געלט וואס דער מענטש האט, אין די פרנסה פון דעם איד וכו' וכו'.

### *חייב מדיני שמים*

דאס הייסט אז נישט נאר האבן מיר דעם חלק 'אורח חיים' וועגן תפילין אדער ציצית ווי אזוי דער איד זאל מקיים זיין מצוות סוכה, און, ממליך זיין דעם אויבערשט'ן, מיט היטן שבת - נאר מיר טרעפן אין שולחן ערוך א מוירעדיגע נקודה אין ממונות - אז א איד האט שוין געטועהן א זאך, וואס לכתחילה טאר מען דאס נישט טועהן. און נאך ווען ער האט דאס געטועהן איז ער פטור מדיני אדם. 'פטור מדיני אדם' איז דער טייטש, אז אין בית דין קען מען דאס נישט ארויסנעמען פון עהם. אבער, ער איז חייב מדיני שמים - ער וועט ארויף קומען אויבן וועט מען עהם זאגן: 'אלעס איז גוט און פיין, דער איד האט נישט געקענט ארויסנעמען פון דיר די געלט, אבער דו וועסט נאכאמאל דארפן אראפגיין אין די וועלט אין פארעם פון א גלגול, ווייל דו דארפסט עהם דאס אפגעבן - און ס'איז נישט אזוי פשוט, און ס'איז נישט אזוי אויסגעהאלטן וואס דו האסט געטועהן'.

### *א ברכה פון א צדיק אויף פרנסה*

צו א ביסל פארשטיין וואס קומט פאר אין דעם נושא פון ממליך זיין דעם אויבערשט'ן

אויף די געלט, און האבן א ריינקייט אין די געלטער וואס דרייט זיך ביי א מענטש, פרעגט זיך א אינטערעסאנטע שאלה: דער מושג פון גיין נעמען א ברכה ביי א צדיק אויף פרנסה. כידוע, מ'פלעגט אלעמאל מזכיר זיין ביי צדיקים, דאס אז מ'גייט אריין צו א צדיק און מען איז מזכיר דער ענין פון פרנסה. איז פשוט, ס'איז ידוע די גמרא אז "כל העולם ניזון בשביל חנינא בני". אז אין דעם כוח פון דעם צדיק קומט אראפ דער שפע.

אבער, וואס הייסט דאס נעמען א ברכה? נאר דער יסוד איז א פשוט'ע יסוד, און זייער א פארשטענדליכע זאך: ס'איז דא שפע אויף די וועלט נאכאנאנד, עס איז דא שפע דקדושה, און ס'איז דא פארקערט אויכעט.

### שפע דקדושה

שפע דקדושה איז דער טייטש - אז דער שפע שטערט נישט פאר דעם מענטש זיין לערנען, ס'שטערט עהם נישט זיין דאווענען, ס'שטערט עהם נישט זיין יראת שמים - ער פירט זיך ווייטער ווי אן ערליכער איד, און ער האט זיין שפע, זיין שפע קומט עהם אן. און נאך מער, ס'ברענגט עהם אויכעט נישט צי, צו מאכן כל מיני שטיקלאך, מיט זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן. דאס רופט זיך שפע דקדושה. ער בלייבט מיט זיין קביעת עיתים לתורה, זיין צדקה, זיין גאנצע הלוך ילך - ער האט שפע, און ער האט קדושה, ווייל דאס איז ביי איהם בכלל נישט סותר. אבער ח"ו פארקערט, שפע ווען ס'איז נישט פון קדושה - איז אלעס פארקערט פון וואס מ'האט פריער געזאגט.

### מצליח געווען... מיינט נישט: אזא סארט שטיקל

די ברכה פון צדיק איז, אז איך זאל באקומען מיין שפע, ווייל יעדער איינער האט זיין שפע, און איך זאל זוכה זיין אז די שפע וואס איך באקום זאל זיין א שפע דקדושה. דאס זאל קומען דארך די כוח און די ברכה פון צדיק, און איך זאל נישט חלילה צוקומען אין די ביזנעס, און אין די אלע זאכן וואס איך טועה, צו זאכן וואס איז היפך פון רצון ה'. דאס הייסט פשוט נעמען א ברכה פון די צדיק אז דער שפע זאל זיין נישט קיין דיעבד'יגע זאך, און אפילו איינער וואס איז נישט קיין גזלן, אזוי ווי "פטור מדיני אדם וחייב מדיני שמים". אז ער זאהל נישט האבן אזעכע סארטן זאכן וואס 'איך האב מצליח געווען אין די ביזנעס... איך האב געמאכט אזא סארט שטיקל, אז יענער קען נישט מוציא ממון זיין פון מיר...' אבער איך וועל קומען אויבן וועל איך זיין 'חייב בדיני שמים'.

### דער כח פון: ריינע געלט

ס'איז דא א מוירעדיגע לשון אין איינע פון די ספרים פון די 'בני יששכר', שרייבט ער אויף זיך: 'איך האב חוקר געווען די זאך, ווייל איך האב געזעהן קינדער מיט בחורים וואס ס'האט אויסגעקוקט אז זיי וועלן וואקסן זייער גרויסע תלמידי חכמים מיט יראי שמים מיט זייער חשוב'ע אידן, און ס'וועט ארויסקומען פון זיי עפעס חשוב. און די 'בני יששכר' זאגט: 'אז איך האב שפעטער געזען אז זיי זענען נישט אזוי אויסגעוואקסן, בין איך געגאנגען, איך האב דאס חוקר געווען, און איך האב געטראפן אז די סיבה איז געווען: ווייל די עלטערן האבן נישט מפרנס געווען דעם שטוב מיט ריינע געלט - איז דאס געווען די תוצאות! אזוי האט דער הייליגער 'בני יששכר' אליין חוקר געווען.

עד כדי כך, אז דאס איז דער הבדל פון: מ'האט ריינע געלט, צו נישט ריינע געלט!

### ס'לוינט מער: צוהאבן א ביסל מער א נחת

און נאך מער, אסאך מאהל א מענטש טראכט: 'או, איך האב פארדינט!' ער פרייט זיך מיט דעם אז ער האט פארדינט, ער ווייסט אז ס'איז נישט גאר ריינע געלט... ווען ער וואלט געוואוסט ווי דער בני יששכר צונעמט דאס - וואס פאר א פרייז מ'צאלט שפעטער! וואס האט מען פון דעם, וואס ער וועט איבערלאזן, למשל, געלט אויף די וועלט פאר די קינדער - צי ער וואלט געוואלט האבן אסאך חשוב'ערע קינדער. ער וואלט זיך פארגינענען צו האבן א ביסל ווינציגער געלט, אדער אסאך ווינציגער געלט - און האבן א ביסל מער א נחת.

### די דריי כללים פון כשר'ערע געלט

קומט אויס, איינע פון די זאכן ווען א מענטש וויל באמת זיין א גליקלעכער - אי צוזוכן געלט וואס איז כשר און ריין און נישט געלט וואס איז נישט אזוי גלאט. נאר זוכן צו ממליך זיין דעם אויבערשט'ן אויף זיינע געלט. ס'איז דא דריי זאכן: - ממליך זיין דעם אויבערשט'ן אויף זיין געלט. - די גלייכקייט אין די געלט. - און דער מושג פון, אכטונג געבן די געלט זאל נישט מזיק זיין א צווייטן.

די גאנצע פרשת משפטים, איז נישט נאר ממליך זיין די אויבערשט'ן אויף די פרנסה וואס איך ברענג אריין, נישט נאר אויף די געלט וואס איך האב שוין. נאר פרשת משפטים איז אויך - אז דו האסט נכסים, און די נכסים קען אמאל מזיק זיין.

### סדר נזיקין

נארמאל וואלט א מענטש געזאגט: 'איך האב ביי דיר גארנישט נישט צוגענומען, איך האב ביי דיר נישט גע'גזל'ט, איך באצאל דיר נישט' - ניין, די תורה זאגט, אז דו האסט א שור, דארפסט אכטונג געבן דער שור זאל נישט מזיק זיין. האסט א בור, האסט כל מיני זאכן, א גאנצער סדר פון 'בין אדם לחברו' - גיב אכטונג אויף דיינע נכסים, און זאלסט ממליך זיין דעם אויבערשט'ן. אז דו זאלסט נישט מזיק זיין יענעם, ווייל אויב דו וועסט מזיק זיין, זאגט די תורה, 'איך הייס דיר באצאלן'.

היוצא מדברינו למעשה, למעשה קומט ארויס א מוירעדיגע זאך, עס איז דא אן עבודה, פון ממליך זיין דעם אויבערשט'ן סיי אויף די צורה פון ברענגען די געלט, סיי אויף די געלט וואס דו האסט, און סיי אז דאס זאל אויכעט נישט צוברענגען צו א צווייטן נישט קיין גוטע תוצאה. און אז מיר וועלן זיך מחזק זיין אין די דריי ענינים זאגט שוין צו דער 'בני יששכר' - אז מ'וועט האבן נחת פון די קינדער. ווער וואונשט זיך נישט א פינטעלע נחת, א גישמאקע נחת, צו האבן ליכטיגע און זיסע דורות...

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאל לעבן ריכטיג אין די נקודה.

# פרשת שקלים 'כי ממך הכל ומידך נתנו לך'

### הקדימו שקליהן לשקליו

בסייעתא דשמיא, מיר שטייען שבת פרשת שקלים, מ'וועט נעמען א קליינע נקודה פון די גאנצע סוגיא פון פרשת שקלים, ס'איז ידוע די גמרא הקדימו שקליהן לשקליו, כלל ישראל האט מקדים געווען זייערע שקלים פון מחצית השקל פאר'ן משכן, נאך אסאך פאר המן, וואס המן האט געגעבן עשרת אלפים ככר כסף.

### השתלשלות החסדים

די יסוד פון באחד באדר משמיעין על השקלים, מ'וועט נעמען איין נקודה וואס ליגט אין די נושא פון 'מחצית השקל', און מיט דעם וועט מען בעז"ה פארשטיין און אנקומען צו די נקודה וואס מ'וויל אנקומען, אז ס'איז נישט נאר הקדים שקליהן לשקליו ער האט אונז געגעבן א מצוה פון שקלים צו אונז ראטעווען פון די גזירות פון המן הרשע, נאר באמת דארף א מענטש זיך מתבונן זיין אז ער זאל נישט בלייבן ביי די יעצטיגע חסד וואס האט איהם אנגעטראפן יעצט די מינוט, און דער חסד האט איהם געמאכט א נייע חסד, ער דארף כאפן

אז דעם אייבישטערנ'ס חסדים ליגט אונטער אלעס, ער האט איהם פארדעם געגעבן די געלט כדי ער זאל 'קענען' געבן די מחצית השקל, און אזוי די השתלשלות החסדים פון דעם שורש,

ווי זעהט מען עס דא אין די נקודה פון די 'מחצית השקל'? די עצם נקודה, אז כביכול הקב"ה קומט צו דעם איד און ער זאגט איהם, בבקשה, נעם געלט און געב, שוין גלייך וויזט דאס, איך בין בעה"ב אויף דיין געלט, איך הייס דיר זאלסט נעמען געלט - די מחצית השקל, איך האב דיר געגעבן די געלט און איך הייס דיר וואס צו טוהן מיט דעם.

**כי הוא הנותן לך**

אבער אין די ווארט 'מחצית' ליגט נאך אסאך אסאך מער ווי די עצם דארפן געבן, די ערשטע זאך איז: אז ער זאגט 'נאר' א האלבע, איז די טייטש, איך וועל דיר זאגן וויפיל צו געבן אויכעט, נישט נאר דאס, אז נאכדעם וואס איך האב דיר געגעבן די געלט, מיינסטו שוין אז די געלט איז דיינע און די קענסט טוהן מיט דעם וואס דו ווילסט, נאר איך וועל דיר זאגן וויפיל צו געבן, ס'איז אויך שטארק מבטא, איך בין נאך ווייטער בעה"ב אין די זאך, אבער ס'איז מבטא נאך א טיפערע זאך, אז איך זאג פאר אלעמען די זעלבע, אלע געבן אהאלב,

דאס איז די טייטש, ריכטיג אז יעדער איינער האט זיין שפע, דער האט א גרעסערע שפע, דער האט א קלענערע שפע, אבער לגבי מיר כביכול הקב"ה זענען אלע גלייך, און איך וויל פון אלעמען די זעלבע, און מיט דעם וועט דער מענטש זיך דערמאנען אז איך בין דער וואס עס געבט, ' כי הוא הנותן לך לעשות חיל', און דאס איז אסאך מער ווי די עצם דארפן געבן, ווייל די עצם דארפן געבן, נא, בסדר איך געב, געגומען געגעבן, אבער אז אלע בלייבן אין די זעלבע דרגא, אלע געבן נאר האלב, דאס רופט זייער שטארק אויס אז ס'דא איינער א בעה"ב אויף דיר, און ממילא וועסטו זיך דערמאנען אז איך בין דער וואס האט דיר דאס געגעבן, איך געב דיר די חסדים, און איך בין דער וואס איז משפיע חסד אויף די וועלט, וואס איך געב דיר די גאנצע זאך, און דערמיט וועט מען געדענקען 'כי ממך הכל ומידך נתנו לך'.

## *כי ממך הכל*

צום ביישפיל, א מענטש האט א ריזיגע הכנסת אורחים, ס'דא איינער א טייערער יוד וואס געבט הכנסת אורחים פאר יודען ראש השנה אין אומן, איינער שיינער, לאמיר זאגן ער טוהט דאס ממש בחינם, און ער שטעלט אוועק מענטשן זאלן טיילן פארציעס, מ'טיילט דארט עפעס א זעכצן טויזנט פארציעס א סעודה, יעצט וועט שטיין איינער פון די זייט, און מיינען אז ער טיילט זיינע?! ממש נישט, איינער האט איהם דא געשטעלט, עס איז דא מנהיג לבירה, נאר ער איז דא נאר אינמיטן פשוט צו שטיין און טיילן, ער האט דא נישט קיין שום דעה עצמית.

במדה מסוימת, די אייבישטער האט אונז געגעבן א מורא'דיגע מתנה מיט די מצות מחצית השקל וואס מען דארף יעדן יאר אראפגעבן, און באלד וועט מען זעהן וואס איז געווען די תוצאה פון דעם, דארף די מענטש וויסן, און ער זאל געדענקען אין זיין לעבן, ס'דא א משפיע וואס ער געבט דיר דיין שפע, די לעבסט נישט פון דיר אליין, און דו האסט נישט דיין שפע אליין,

ווי זעהט מען דאס אין אונזער לעבן ממש, ווען א איד עפנט א סידור יעדן טאג, און ער זאגט די קרבנות, אלע קרבנות ציבור, די תמיד, די קטורת איז געקומען פון די מחצית השקל, ער טרעפט זיך אהן מיט די מחצית השקל יעדן טאג, און א דבר פלא אז ס'איז אויך עפעס געבויעט אויף א צורה פון א מחצית, סיי די תמיד איז געבויעט עפעס פון אינדעפרי און ביינאכט, ס'קוקט אויס צוטיילט אויף האלב, און די קטורת איז צוטיילט אויף האלב, ס'איז געבויעט אויף אזא סארט אופן, פון לחצאין,

## *'מי הקדימני ואשלם'*

אבער לאמיר צוגיין פשוט, ס'איז ידוע די אלע ווערטער אז א איד דארף וויסן אז ער איז נאר האלב, צוזאמען מיט נאר א איד איז ער גאנץ, צוזאמען מיטן אייבישטן, די אייבישטער איז א בחינת שלימות, שלימות איז נאר כביכול הקב"ה, אבער פשוט אין אונזערע לעבן צו אריינשיינען פשוט צו געדענקען וואס ס'איז געמאכט געווארן מיט די מחצית השקל, יעדן טאג ביי די קרבנות ציבור טרעפן מיר זיך אהן טאקע מיט דעם מחצית השקל וואס האט יעדן יאר געארבעט, ביים תמיד, ביי די קטורת, ביים דאווענען און חזר'ן נאכאנאנד, ס'דא די משפיע, און מ'געבט איהם דאס צוריק, און די קרבנות איז אויך 'כי ממך הכל' ער האט געטוהן מיט אונז א חסד אז ער האט אונז געגעבן די בהמה כדי אונז זאלן קענען מאכן דעם קרבן, ס'איז ידוע די מאמר פון חז"ל 'מי הקדימני ואשלם', ווער האט דיר געגעבן א שטוב כדי דו זאלסט מאכן א 'מעקה', א מזוזה, ווער האט דיר געגעבן א קינד צו מל'ן וכו' וכו', די מענטש דארף אלעמאל געדענקען פון די לעצטע פעולה צוריק גיין צו דעם שורש צו די ערשטע חסד, נישט נאר די לעצטע חסד וואס ער זעהט יעצט די מינוט פאר די אויגן, נאר ווי ס'האט זיך געקאטקעט איין חסד נאכן צווייטן א גאנצע השתלשלות פון חסדים צו צוקומען צו די נקודת החסד וואס מ'זעהט יעצט.

## *משנכנס אדר מרבין בשמחה*

די אייבישטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן טאקע נתעורר ווערן יעצט, מ'שטייט פאר חודש אדר אזא הויכע חודש, א חודש פון שמחה, ווער געבט אונז די אמונה צו האבן שמחה, ווער געבט אונז די כוחות צו אויפנעמען אזא חודש, ווער געבט אונז די כוחות צו אריין נעמען דעם חודש. די אייבישטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו משנכנס אדר מרבין בשמחה, און לעבן באמת מיט אמונה און בטחון בשמחה ובטוב לבב מרוב כל

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065     אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**